## אַ וואַסער-פלוס פליסט אַריין חיות אין אידישע נשמות

עס איז זעלטן וואָס אין ניאַגראַ פאָלס זעט מען אַזאַ גרופּע באַזוכער וואָס מ'האָט דאָרט געזען פאַר צוויי וואָכן צוריק: אַ שירא פון עטליכע צענדליגער איינוואוינער אין עטליכע העס"ק צענטער רעזידענט היימען, אין באַגלייטונג פון אַ גרויסע צאָל שטאַב מיטגלידער וועלכע האָבן געהאַלטן אַן אויפזיכט און זיי אַלעס צוגעשטעלט במשך די לעבעדיגע נסיעה.

געוועגליך ווען מענטשן טראַכטן פון ניאַגראַ פאָלס, האָט מען אין געדאַנק זיך אויסצולופטערן, פאַרוויילן און פאַרברענגען, אין די שיינע פּאַנאָראַמע און אינטערעסאַנטע נאַטור פון די הערליכע, אינטערעסאַנטע וואַסער-פאַלן. אָבער דער ציל פון די העס"ק שטאַב מיטגלידער וועלכע זענען געפאָרן אויף די נסיעה איז נישט געווען דוקא די סאָרט פאַרוויילונג.

די העסק איינגעשטעלטע ווייסן פון אַן אַנדערע סאָרט פאַרוויילונג און אונטערהאַלטונג – דאָרט פאַרוויילט מען מיטן אַריינשיינען פרייד, און אַריינבלאָזן לעבעדיקייט, און די איבער דרייסיג רעזידענט איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייער דריי טאָגיגע רייזע ווי נייע מענטשן, אויפגעלעבט און מיט אַ פרישן, שטערקערן מוט, צו געניסן פונעם לעבן און אויסנוצן זייערע כוחות.

אַ שטרעקע פון עטליכע הונדערט מייל און אַ גרעניץ וואַך-פונקט אינדערמיט איז נישט קיין אָפּהאַלט פאַרן העסק צענטער צו צושטעלן אַ הערליכע פאַרוויילונג פאַר די מיטגלידער, ווען דאָס איז וואָס עס קען זיי אויפלעבן און אַריינבלאָזן אַ סיפוק החיים. כדי עס צו באַווייזן האָט מען אַראַנזשירט אַ טשאַרטער באָס מיט אַ גרויסע צאָל שטאַב מיטגלידער וועלכע זענען געפאָרן מיט די עטליכע צענדליגער רעזידענט איינוואוינער וועלכע האָט מיטגעהאַלטן די רייזע.

די צוגרייטונגען האָבן איינגעשלאָסן דאָס צושטעלן קאַונסלערס וואָס זענען באַהאַוונט מיט יעדן איינוואוינער'ס אייגענשאַפטן, פּערזענליכע און מעדיצינישע געברויכן, וואָס זאָל זיך קענען אָפּגעבן און באַגלייטן דעם איינוואוינער און פאַרזיכערן אַז יעדער געניסט פון אַ גליקליכע רייזע.

אונטער דעם טשאַרטער באָס איז נאָכגעפאָרן אַ ספּעציעלע קאָוטש ווען. דאָס איז צוגעשטעלט געוואָרן פאַר איין מיטגליד וועלכער האָט געהאַט שטאַרק חשק מיטצוהאַלטן דעם טריפּ, אָבער צוליב יענעם'ס ספּעציעל סאָציאַלע אייגענשאַפטן קען ער נישט פאָרן אַ לאַנגע צייט מיט אַ גרויסע צאָל רייזער אויף אַמאָל – דעריבער האָט ער נישט געקענט פאָרן מיט די טשאַרטער באָס, וואו די אַנדערע מיטגלידער האָבן פאַרברענגט אינאיינעם.

אָבער אינעם העס"ק צענטער ווייסט מען נישט פון קיין "ניין", ווען עס האַנדעלט זיך צו צושטעלן פאַר אַ מיטגליד עפּעס וואָס קען אים אויפבויען און אַרייבלאָזן אַ סיפוק החיים. כדי דער באַטרעפנדער זאָל אויך קענען מיטהאַלטן די הערליכע רייזע, האָט מען באַשטעלט אַ ספּעציעלע קאָוטש ווען, און צוגעשטעלט אַ ספּעציעלן שטאַב מיטגליד וואָס זאָל מיטפאָרן מיט אים אין די ווען.

אַלע מיטגלידער אין די גרופּע האָבן געקוועלט נחת שטייענדיג אינעם הייל אונטער דעם וואַסער-פאַל, בעת זיי האָבן צוגעזען די הערליכע נפלאות הבורא. אויך האָבן זיי ספּעציעל גענאָסן פון די בלומעדיגע אויג-פאַרכאַפּנדע "פלאָרעל קלאַק", און די הערליכע פּאַנאָראַמע ביינאַכט ווען דער וואַסער-פאַל וואַרפט הערליכע, באַצויבערנדע קאָלירן. עס איז געווען באַשיינפּערליך אויף זייערע פנים'ער ווי דאָס האָט זיי איבערגענומען, און געהויבן זייער גייסט און געפילן.

אויף יעדן אָרט איז מען געווען אַ לענגערע צייט, ווייל די מיטגלידער האָבן זיך נישט געקענט שיידן פונעם פּלאַץ, און האָבן נישט געקענט אַראָפּנעמען קיין אויג און זיך זעטיגן פון די איבערראַשענדע סצענעס. די הערליכע נאַטור האָט געהאָלפן ציען זייער אינטערעסע און אויפלעבן זייערע אינערליכע געפילן, דערגרייכנדיג אַ וויכטיגן ציל אויף וואָס דער העס"ק צענטער אַרבעט.

אַ גרויסער טייל פון די הצלחה איז געווען די פריערדיגע פּלאַנירונגען צו פאַרזיכערן אַז אַלע דעטאַלן זענען אויסגעשטעלט אַז די טריפּ זאָלן זיין די אינטערעסאַנטסטע און לעבדיגסטע וואָס נאָר מעגליך. דאָס האָט נישט בלויז איינגעשלאָסן די פּלענער וואו מ'וועט באַזוכן, נאָר אויך אַלע זייטיגע איינצעלהייטן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַ ספּציעלע מחשבה און געוויכט עס זאָל

דערגרייכן דעם ציל. אַלס ביישפּיל, זאָגט אונז די אָנפירער פון די נסיעה - מרס. פעדער, וועלכע האָט אַראַנזשירט און אָרגאַניזירט די טריפּ מיט אַ געוואַלדיגע געניטשאַפט - אַז דאָס צוזאַמענשטעלן די שטאַב באַגלייטער פון יונגע, ענערגישע העס"ק איינגעשטעלטע, האָט אַ געוואַלד ביישטייערט צו די אינטערעסע און ענטוזיאַזם פון די מיטגלידער. די יונגע כוחות האָבן אויפגעלעבט דעם אַרום און האָבן אַ געוואַלד בייגעשטייערט צו די געוואַלדיגע אינטערעסע און לעבעדיקייט במשך די גאַנצע פאַרוויילונג.

במשך די דריי טעג האָט מען זיך אויפגעהאַלטן אין אַ שיינע האָטעל אין באָפעלאָ, און אַלעס איז סערווירט געוואָרן בתכלית הכשרות. פונקט ווי אינדערהיים וואו מענער איינוואוינער גייען טעגליך אין שול דאַווענען, האָט מען אויך אונטערוועגנס נישט פאַרציכטעט דערויף. מ'האָט טעגליך געדאַווענט אין אַ שול אין באָפעלאָ.

די לעבעדיקייט וואָס די וואַסער-פאַלן און די הערליכע פּאַנאָראַמע האָט אַריינגעפלאָסן אין די העס"ק צענטער מיטגלידער, האָט זיך נאָכמער אָנגעזען ביים זיך צוריקקערן בשעה טובה ומוצלחת. "מיטגלידער וועלכע רעדן כמעט נישט. מען דאַרף פון זיי אַרויסציען אַ וואָרט. זענען פלוצים געוואָרן רעדוועדיג. זיי האָבן נישט געקענט אויפהערן צו רעדן פון וואָס זיי האָבן געזען, וואו זיי זענען געווען, און ווי גוט עס איז געווען," דערציילט אונז מרס. פעדער.

אַ וואַסער-פאַל פליסט פון אַ הויך אָרט און גליטשט זיך אַראָפּ, וואָס שפּיגלט אָפּ וואָס חז"ל זאָגן אונז: "מה מים הולכים ממקום גבוה למקום נמוך". וואַסער סימבאָליזירט דאָס גיין פון אַ הויך אָרט צו אַ נידריג אָרט.

די העסק מיטגלידער האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט די וואַסער-פאַלן, און האָבן באַוויזן מער ווי זיך אַראָפּלאָזן פון דער הייך: צוקוקנדיג ווי די אַלע רייזע באַטייליגטע – די באַגלייטער און די העס"ק צענטער איינוואוינער – פרייען זיך און פאַרברענגען אינאיינעם, האָט מען נישט געקענט דערקענען צי איינער איז העכער און איינער איז נידריגער. אַלעס האָט פאַרברענגט ווי געשוויסטער. דאָס איז אייגענטליך מיט וואָס העס"ק צייכנט זיך אויס, אַז אַלעס גיט זיך איבער בלב ונפש צו

דערגרייכן די הצלחה פון די מיטגלידער, מיט אַ געוואַלדיגע געטריישאַפט, געפיל און רעספעקט - די שטאַב און די מיטגלידער זענען אַלע ווי איין גרויסע פאַמיליע.